# די בערן
# בײַ די זײַלן פֿון גאָלדשטיין
## באַפֿין־אינדזל, אויגוסט, 1982

אין דער אמתן זײַנען זיי ניט געווען אָפֿיציעל "די זײַלן פֿון גאָלדשטיין" נאָר אַזוי האָבן מיר זיי גערופֿן, איך מיט דעם ברודער פֿרעד. מיר האָבן זיך געלאַגערט בײַ דעם סאָווע־טײַך אַנטקעגן אַ וואַנט גרויען שטיין צעשפּאָלטן אין צוויי שפּיציקע טורעמס פֿון אַ טיפֿער יאַר וואָס פֿירט דעם גאַנצן וועג פֿון די שטיינבראָך־אַראָפּלאָז[1] בײַם ברעג טײַך אַרויף ביז דער הימל־ליניע. ס'איז געווען דעם נײַנטן לאַגער זינט מיר זײַנען אַוועק פֿון פּאַנגנירטונג, גיין באַרג־אַרויף פּאַזע דעם ווײַזעלע־טײַך, איבער דעם פּאַנגנירטונג־דורכגאַנג, איצט אַראָפּ, קיין דעם ים און בראַוטאָן־אינדזל[2].



מיר האָבן גוט פֿאַרבראַכט, גוט באַהאַנדלט מיט שטיקער קרײַטיש גיין, אַמאָליקן שלעכטן וועטער, און וואָס זײַנען געהאַט געווען שווערע פּעק. קיין עין־הרע – בעסער ניט אַרויסזאָגן אַז עס גייט גוט: די געטער באַמערקן, עפּעס טוט זיך אַלע מאָל. אויפֿשלאָגן דעם געצעלט און קאָכן וואַרמעס האָבן מיר שוין גרינג געטאָן, מער ניט קיין "איז דאָס אַ טייל פֿונעם געצעלט?" אָדער "זאָל דער אויוון מאַכן אַזאַ טומל?"

עס איז שוין געווען גענוג שפּעט אין זומער, גייט די זון טאַקע אונטער, נאָר ס'איז קיין מאָל ניט פֿינצטער געוואָרן. אינעם בין־השמשות, האָבן מיר געהאַט דעם געוויינטלעכן שמועס וועגן וועלכער באַרג איז דאָס, פּרוּוון פֿאַרגלײַכן די קאַרטע מיט דער ערד, סוף־כּל־סוף אויפֿגעראַמט דעם לאַגער פֿאַר דער נאַכט, די "קיך" צוגעגרייט פֿאַרן פֿרישטיק, די צוויי פּעק אָנגעשפּאָרט איינער אויפֿן אַנדערן אַ פּאָר יאַרדן פֿונעם עק געצעלט, די שטיוול אַוועקגעשטעלט אונטערן רעגן־דעקונג, און זיך אַרײַן אין די שלאָפֿזעק[3].

פֿרי אין דער פֿרי – שוין געוואָרן זייער ליכטיק, כאָטש די זון איז נאָך ניט אַריבער איבערן קאַם אויף מזרח. עס איז אויך די צײַט אין דער פֿרי ווען מע שטײַערט זיך מיט די אַנטקעגנדיקע פֿאָדערונגען: "שיינער וואַרעמער שלאָפֿזאַק" אָדער "ווי גרויס איז דער פּענכער מײַנער?" איך האָב זיך אויפֿגעזעצט אינעם זאַק, אַ קוק צו טאָן דורך דער געצעלט־טיר, זען וואָס דער וועטער איז. אַז איך גיי אַרויף, בין איך פֿאַרבײַ פֿרעד אַז ער גייט אַראָפּ,

---

1 talus chute: די דעלטע פֿון שטיינער, אין דער גרייס ווי אַ קאָפּ ביז אַן אויטאָ, אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די סקאַלעס אויבן, אָפּגעשפּאַלטן דורכן וועטער (מיט קלענערע שטיינער, זשוויר, הייסט דאָס סקרי (scree)).

2 דאָס זײַנען אַלע ערטער אויף באַפֿין־אינדזל (Baffin Island), אינעם מזרחדיקן אַרקטיק אין קאַנאַדע: Owl R., Pangnirtung, Weasel R., Broughton Island: אַן איבערגאַנג דורך אײַויִטוק מלוכישן פּאַרק (Auyuittuq National Park). פּאַנגנירטונג און בראַוטאָן־אינדזל זײַנען שטעטלעך (באַפֿעלקערונג אַן ערך 1325 און 500).

3 Samuel Pepys – "… and so to bed."

האָט ער אויסגערופֿן עפּעס וואָס איך, נאָך אַלץ שלעפֿעריק, האָב געהערט ווי "מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך האָב געזען אַ ווײַסן בער." וואָס ער האָט אין דער אמתן געזאָגט איז געווען "איך האָב געזען אַ ווײַסן בער! כ'האָב אים עפּעס געזאָגט. כ'האָב ניט געזאָלט!"



ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַר מיר, און קוקנדיק דורך דער געצעלט־טיר האָט ער געקענט זען די געל־ווײַסע זײַט פֿון אַ קליינעם בער פּונקט ווו מיר האָבן אַוועקגעשטעלט די פּעק, מיט זײַן קײַערס אַרום אַ זײַט פֿון זײַן פּאַק. אמתער ניו־יאָרקער וואָס ער איז, האָט ער אויף אים געשריגן, "אַקיש! לאָז דאָס אָפּ!", איז עס אים תּיכּף אײַנגעפֿאַלן אַז דאָס איז געווען ניט העפֿלעך, ניט טאַקטיש[4]. צום גליק האָט דער בער זיך ניט גרינג באַליידיקט. אַ קליין בער, האָב איך געדאַכט, ביז ס'איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַז די מצבֿ איז טאַקע אַ ביסל מער דעליקאַט. ס'איז געווען אַ בערל וואָס מיינט אַז ס'איז דאָ נאָענט אין דער געגנט אַ מאַמע. אַ גרויסער ער איז אפֿשר מער סכּנהדיק, אָבער נאָר מיט אַ קליין ביסל מער.

פֿרעד האָט זיך אָפּגעזאָגט ווײַטער צו קוקן, האַלטן מיטן *אונטערפֿאָרערס וועגווײַזער צו דעם קאָסמאָס*[5]: אויב ער קען זיי ניט זען, קענען זיי אים ניט זען. מיר איז געווען ערגער ניט צו וויסן, האָב איך זיך געמוזט צוקוקן. דאָס בערל האָט געהאַלטן פֿרעדס פּאַק אין מויל, שאָקלען און ראַנגלען מיט אים כּדי אים צו באַפֿרײַען פֿונעם צווייטן פּאַק. בײַ אונדז זײַנען די פּעק נאָך אַלץ געווען ניט קיין לײַכטע, נאָר באַלד האָט ער צעשיידט די פּעק און איז אונטערגעלאָפֿן אָן שום מי מיטן פּאַק אין מויל קיין דעם זשוויר אויפֿן ברעג טײַך, ווײַט אַ יאַרד צען. איך האָב אים קוים געקענט זען סײַדן איך שפּאַר אָן דעם קאָפּ אין דער פֿאַרשלאָסענער קאָמאַר־נעץ. מיר גלוסט זיך גאָר נישט, פֿאַרלאָזן די זיכערקייט פֿון שטאַרקן נײַלאָן און נעץ. ניט זייער ווײַט טײַך־אַרויף זײַנען יאָ געשטאַנען די מאַמע מיטן צווייטן, ניט אַזוי אײַנשטעלעריש בערל.

איך האָב אויסגעשטרעקט אַ האַנט נאָכן אַפּאַראַט, נאָר איידער ס'איז מיר געקומען אויפֿן זינען, אַז דער קלאַנג פֿונעם לעדל וועט אפֿשר ברענגען אויפֿמערק, האָט פֿרעד שטיל געשעפּטשעט[6], אַז ער אַליין וועט מיך דערהרגענען איידער די בערן, אויב איך טו אַבי וואָס, זיי זאָלן אונדז דערזען – עלעהיי זיי וויסן ניט אַז מיר זײַנען דאָ, נאָר ס'איז פֿאָרט אַ שטיקל רחבֿות אין אַזעלכע פּיקציעס און אײַנרעדענישן. איך האָב זיך אַרומגעדרייט, נאָך אַלץ מערסטנס אינעם שלאָף־זאַק, זיי צו באַטראַכטן. מיר האָבן זיך געשושקעט: אפֿשר זאָלן מיר אַרויסקריכן פֿון די זעק, מחמת אין די זעק, "זייען מיר אויס ווי ים־הינט," נאָר די אידעע האָבן מיר אָפּגעלאָזט – ס'וואָלט געמיינט אַ סך טומל און באָרבלען זיך, מילא וואָס ס'איז געווען טאַקע אַ נאַרישע אידעע סײַ־ווי־סײַ.

---

[4] ווען מיר זײַנען צוריק אין דער היים, האָב איך אַ בריוו געשריבן דער עטיקעט־מבֿינטע, פֿרײַלין מידאות (Miss Manners), דערציילט וועגן דעם ברודערס גראָבקייט, און געפֿרעגט, אויב מע געפֿינט זיך רעדן מיט אַ ווײַסן בער, וואָס וואָלט געווען עפּעס העפֿלעך און געהעריק צו זאָגן. איר ענטפֿער איז משמעות פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער פּאָסט.

[5] *Hitchhiker's Guide to the Galaxy* פֿון Douglas Adams

[6] וואָס איז גאָר ניט דער שטייגער בײַ דער משפּחה, אין נאָרמאַלע צײַטן.



[אַזוי]

בילד פֿון די בערן

איידער מיר זײַנען אָפּגעפֿאָרן, האָבן מיר געקראָגן אַלערליי בראָשורן פֿון די צ.מ.ט.[7] וועגן ווײַסע בערן, מיט אַ סך שרעקלעכע מעשׂיות. אַזוי פֿיל, אַז ווען איך האָב זיי באַוויזן אַן איבערזאָרגערישן פֿרײַנד, אַ—, האָט ער אונדז שטאַרק (און אומזיסט) געפֿאָדערט, מיר טאָרן ניט פֿאָרן. מיר האָבן בראַוו ציטירט דעם איַיוּיִטוק פּאַרק וועגוויַיזער: "ווײַסע בערן געפֿינט מען זייער זעלטן אינעם פּאַרק." קלאָר ווי טאָג דער טויטקוש. דער צווייטער אָדער דריטער געדאַנק מײַנער, אַז דער מצבֿ איז מיר קלאָר געוואָרן, איז געוועןן וואָס זאָל זײַן די לעצטע טוּונג מײַנע: אָנשרײַבן אַ בריוול די קינדער, זיי זאָלן זאָגן אַ ליגן דעם פֿרײַנד א— וועגן וואָס איז געשען, אויסצומײַדן אַן אייביקייט מיט "איך האָב דיר געזאָגט."

פֿרעדס פּאַק עפֿנט זיך מיט אַ טאָפּל־שלעסל און ער האָט געלאָזט די ריטשערס צוזאַמען אין דער מיט. האָט דאָס בערל נאָר געקראַצט אויפֿן הינטן און ס'האָט זיך גרינג געעפֿנט, גאָרנישט צעריסן, גאָרנישט צעבראָכן. אויב מיר זײַנען אַרויס דערפֿון, גאַנץ, געזונט, און שטאַרק, וועט זײַן דער איינציקער אָנדענק בער־שפּײַעכץ[8]. די מאַמע מיט דעם מוראוודיקן בערל זײַנען אין גאַנצן ניט הונגעריק, ניט פֿאַר אונדז, ניט פֿאַרן לאַגער־עסנוואַרג, נאָר דער גיבור האָט געהאַלטן אין איין אויפֿרײַסן פּעקלעך גאָרפּ[9], קעז, סאַלאַמי, גליקלעך אײַנאָטעמען אָנבײַסנס און שאָקאָלאַדקעס, מיט דעם זילבער־פּאַפּיר בתוכם. פֿריר־געטריקנטע מאָלצײַטן זײַנען ניט געפֿעלן. עס האָט יאָ געעפֿנט אַ פּעקל פֿריר־געטריקנטע פּרעזשעניצעס, אַ שמעק געטאָן, און ס'רובֿ איבערגעלאָזט, געלער פּראָשיק אומעטום אויף דער טונדרע. פֿרעד, וואָס ער האָט אַזעלכע פּרעזשעניצעס פֿײַנט אויך, האָט נאָר קוים אָנערקענט אַז דאָס בערל איז עפּעס אַ פֿײַנשמעקער.

נאָך שעהען פֿרעגן זיך צי זיי וועלן באַלד מאַכן פֿון אונדז אַ הויפּט־געריכט, אָדער אפֿשר אַ פֿערציק מינוט, האָט די מאַמע עפּעס געבעבעט, האָט דאָס בערל איבערגעלאָזט דעם באַלאַגאַן, צוריקגעגאַנגען צו דעם געזינד, און זיי אַלע האָבן שליאָנדערט טײַך־אַרויף, ווּ זיי זײַנען טאַקע נאָך זעלטענער. פֿון אינעווייניק אינעם געצעלט זײַנען זיי גיך ניט צו דערזען. די כרוקעס זייערע (בויכווייטיק?) האָבן זיך מער ניט געלאָזט הערן, פֿאַרביטן מיט טומלדיקע קוויטשן און קראַקען, אַ נאַטור־דאָקומענטאַר מיט אונדז אין דער מיט: אַ טוץ ראָבן מיט עטלעכע מעוועס, האָפֿנדיק, קוקנדיק נאָך שיריים פֿון די בערן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ריזיקן שטיין נאָענט צום געצעלט, זיך באַקלאָגן אויפֿן דוחק אין עסן, גאָר ניט צופֿרידן מיט איי־פּראָשיק אָנשטאָט אונדז.

מיט אַ מאָל בראַוו מיט נאָר פֿייגל אין דער געגנט, זײַנען מיר אַרויס פֿונעם געצעלט. מע האָט נאָך אַלץ געקענט זען די בערן, ווײַט טײַך־אַרויף, גייענדיק נאָך ווײַטער אַוועק. אַ מײַל פֿינף טײַך־אַראָפּ, ווּ מיר גייען

[7] צפֿון־מערבֿדיקע טעריטאָריעס (Northwest Territories), אַ טייל פֿון קאַנאַדע. אין 1999 אָבער האָט מען אָפּגעשיידט דעם טייל וואָס ליגט אויף צפֿון פֿון דער ביימער־ליניע און געמאַכט פֿון אים אַ נייע טעריטאָריע, נונאַווּט, (Nunavut) רופֿט מען זי, פֿאַר די אינויִטן. באַפֿין־אינדזל געפֿינט זיך איצט אין נונאַווּט.

[8] אויפֿן פּאַק און בפֿרט אויף אַ פּאָר קאָרצקעס פֿרעדס וואָס האָט אויף זיי אַ שטיקל בלוט פֿון אַן אײַנשניט פֿון פֿריִער. דאָס האָט צוגעציט דעם בערל, האָט ער זיי אַ ווײַלע אַרומגעוואָרפֿן.

[9] gorp: מע זאָגט אַז דאָס איז אַ נאָמען נאָך "good old raisins and peanuts”, אָבער דאָס איז אַן אויסגעטראַכטס, עפּעס שפּעטער געשאַפֿן. איך מיין אַז ס'איז פּשוט אַן אויסגעטראַכט וואָרט (פֿון תּלמידים אין M.I.T.). אָריגינעל איז דאָס געווען גלײַכע חלקים ראָזשינקעס, פֿיסטאַשקעס, און ברעכלעך שאָקאָלאַד. פֿאַרבײַט וואָס איר ווילט...

סײַ־ווי־סײַ, געפֿינט זיך די נאָענטסטע אָפּדאַך־הײַזקע[10]. פֿון דאָרטן נאָך אַ 12-10 מײַלן ביז דער לעצטע הײַזקע בײַם פֿלייצוואַסער, ווו מע קען ראַדיאָירן די פּאַרק־שטאַבן וועגן אַ שיפֿל־פֿאָר קיין בראַוטאָן־אינדזל[11]. די הילצערנע בײַטלעך האָבן זיך אונדז געדאַכט ווײַט זיכערער ווי לויטער נײַלאָן, און אַזוי שטאַרק איז געווען דער חשק אונדזערער צו זײַן וואָס ווײַטער פֿון די בערן, אַז מיר האָבן אַ קורצן וויכּוח געהאַט, צי אפֿשר זאָלן מיר איבערלאָזן דאָס געצעלט און נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס צו דער הײַזקע. אָבער ס'איז געווען אַ שפּאָגל נײַ געצעלט און אַ טײַערס, און די בערן זײַנען שוין ווײַט אַוועק, האָבן מיר עס אײַנגעפּאַקט[12] און געזאַמלט דעם בערלס אָפּפֿאַל. מיר וואָלטן ניט הונגערן, מיטן עסן אין מײַן פּאַק און וואָס איז געבליבן אין פּרעדס, און בלויז אַ פּאָר טעג מער.

עס האָט געדויערט צוויי שעה גיין די פֿינף מײַלן, איבער גאַנץ גוט גיין אויפֿן לפֿי־ערך גוט־אָפּגעוואַסערטן ברעג טײַך. מיר האָבן מאַרשירט מיט אַ ניגונדל גענומען פֿון איינער אַ בראָשור וועגן בערן: "ס'רובֿ מענטשן קומען איבער אָנפֿאַלן פֿון ווײַסע בערן." אַ סך צײַט האָבן מיר פֿאַרבראַכט קוקן איבער די פּלייצעס. און אויך דיסקוטירן טאַקטישע ברירות, למשל: צי האָט מען צײַט גענוג זיך צו בייגן קווער פֿון דער טײַך, שליאָנדערן שטילערהייט[13] אַרויף אויף דער שטאָציקער זײַט פֿונעם אור־געפֿורעמטן טאָל, ווײַט אַ קנאַפּ מײַל, אויב די בערן ווײַזן זיך נאָך אַ מאָל, וואַקסן גרעסער.

אָבער ניט קיין בערן. מיר האָבן געטראָפֿן, אַז זיי זײַנען אַריבער אינעם אַנדערן פֿיאָרד איבער אַ זײַט־טאָל. דער פּאַרק־וועגווײַזער האָט דאָס דערמאָנט ווי אַ רוטע וואָס די בערן ניצן ווינטערצײַט, ווען זיי זײַנען ניט אַזוי "זעלטן אינעם פּאַרק." מיר האָבן געהאַט באַטראַכט גיין אויף דעם וועג ווי אַ זײַט־שפּאַציר, אָבער ניט געטאָן.

מיר זײַנען אָנגעקומען בײַ דער הײַזקע שפּעט נאָכמיטאָג, אַוועקגעלייגט די פּעק און געצײַג, און איבערגעקוקט אונדזער "פֿאָרט" – ניט ווי די אַנדערע וואָס מיר זײַנען פֿאַרבײַ, האָט די דאָזיקע הײַזקע ניט קיין שטאַנג צו פֿאַרשפּאַרן די טיר פֿון אינעווייניק. זי איז גאַנץ קרעפּקע געווען, כאָטש אַ בער, מיט גענוג כּעס, זיכער אַ גרויסער ער, וואָלט געקענט אַרײַנברעכן, מיט שטאַנג, אָן שטאַנג. ס'איז דאָ געווען אַ ראַדיאָ, האָבן מיר אָנגעקלונגען דעם פּאַרק־שטאַב. דעם וועלדערער זײַנען אונדזערע בערן גאָר געפֿעלן: "זיי זײַנען זייער זעלטן דאָ אין פּאַרק, די צײַט פֿון יאָר, נאָר ס'פֿרייט מיך צו הערן וועגן זיי!" ער האָט זיך אַוודאי פֿאַרזיכערט אַז בײַ אונדז איז נאָך גוט און מיר האָבן יאָ גענוג עסן און נאַפֿט; ער האָט מסכּים געווען מיט אונדזער טרעף וואַגן וווּהין די בערן גייען. מיר האָבן אַלע שטאַרק געוואָלט גלייבן אַז די בערן זײַנען אין ערגעץ אַנדערש.

מיר האָבן געמאַכט וועטשערע און זיך אַרײַנגעקליבן. ס'איז געווען אַ שיינער אָרט, נאָר די אַלע שוואַרצע מעשׂיות וואָס מיר האָבן געהאַט געלייענט האָבן אונדז נערוועז געמאַכט, און אַלע מאָל איז דאָס אַרויסגיין אין דרויסן אַן ענין פֿון אַרומקוקן יעדן ווינקל, האָפֿנדיק אַז ס'זאָל ניט זײַן קיין חידושים מיט אַ לאָקערנדיקן בער. די הײַזקע איז געשטאַנען אויף אַן אָפּגעשניטענעם אויפֿשטײַג לעבן אַ טײַכעלע וואָס שטראָמט טיף צווישן זייער שטאָציקע אײַנגעשניטענע ברעגן. איבערן טײַכל איז געשטאַנען דער אָפּטרעט, וואָס מע האָט אים געקענט פֿאַרשליסן נאָר פֿון אויסנווייניק, אַ מאָדנע זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופֿן נאַרישע נאָר, זעט אויס, נייטיקע מינהגים, טאָמער איינער פֿון אונדז האָט געדאַרפֿט גיין אויף דעם גאַנג: קוקן אויף די פֿינגער צי ס'איז דאָ אַ בער אינעם טײַכל־געלעגער, פֿאַרשליסן דעם באַניצער אינעווייניק אויף אַ געוויסער צײַט (מילא וואָס אַ בער האָט געקענט אַרויסוואַרפֿן דעם שטאַנג אָדער פּשוט צעשטערן דעם גאַנצן אָפּטריט), געטרויען דעם ניט־באַניצער, ער וועט טאַקע צוריקקומען און עפֿענען די טיר, אָן חכמות, בער־וויצן, אָדער אָפּהאַלטן.

מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ שטילע נאַכט, אָפּגעהאַקט עטלעכע מאָל דורך אָפּטע קלאַנגען – דער ווינט אָדער סקריפּן פֿון דער הײַזקע – וואָס האָט אַלע מאָל געפֿירט צו "וואָס איז דאָס? האָסט דו דאָס געטאָן צי די בערן?" אַרײַנצורעכענען די אַלע מיגלעכע ענטפֿערס, האָבן מיר דער מאַמאַן אַ נאָמען געגעבן "אפֿשר", און די צוויי

---

[10] די קליינע הילצערנע בײַטלעך, גרויס גענוג צו האַלטן צוויי געלעגערס, אַ טישל, און אַ פּאָר אַלקערלעך פֿאַר זאַפּאַסן, אַלע 15-10 מײַלן פֿונאַנדער לענג־אויס דעם פּאַרק. געוויינטלעך מיט אַ באַטעריע־ראַדיאָ און אַ ביסל נאַפֿט און עסן.
[11] דאָס שטעטל, וואָס איז אַ נאָמען נאָכן אינדזל, האָט אַן אַעראָפּאָרט מיט קאָמערציעלע פֿליען "אַרויס."
[12] "אײַנגעפּאַקט" איז אפֿשר ניט אין גאַנצן אמת. מיר נאָבן ניט געניצט דאָס געצעלט פֿון דעמאָלט אָן, און ווען איך האָב עס אַרויסגענומען אין דער היים, עס אויסצורייניקן, האָב איך געפֿונען קניפּלעך און פּלאָנטערס אומעטום, אין די שנירלעך און ווי ניט איז אַפֿילו אין דער רעגן־דעקונג. איך ווייס אַז מיר האָבן אַלץ געשלעפּט אַרײַן אינעם געצעלט, ווו מיר קענען זיך אײַנפּאַקן ווו ס'איז "זיכערער", נאָר ס'דאַכט זיך, אַז אפֿשר האָבן מיר געפּרוווט צונויפֿקנייטשן און אײַנפּאַקן דאָס געצעלט פֿון אינעווייניק.
[13] מע טאָר ניט לויפֿן.

Commented [BG1]: Sch: tidewater

Commented [BG2]: Sch: drained

בערלעך "יאָ־יאָ" און "ניין־ניין". נאָר מיר האָבן דורכגעלעבט די נאַכט. מיטן נײַעם טאָג איז געקומען שלעכטע וועטער, האָבן מיר געבליבן זיצן, געשפּילט אין סקרעבל אָדער ראָמי, געלייענט, געגעסן, און זיך אָװעקגעלייגט שלאָפֿן נאָך אַ מאָל.

האַלבע נאַכט אָדער אַ ביסל שפּעטער, און גאָר אַן אַנדער מין קלאַנג. "פֿרעדי, איז דאָס געווען דו?" "ניין, ס'איז דאָ אַ לאַפּע אויפֿן פֿענצטער." אמת, "יאָ־יאָ" איז צוריק. אינעם ווינקל פּונקט אונטערן שפּיץ דאַך איז דאָס פֿענצטערל, אפֿשר אַ פֿוס אויף אַ זײַט, פֿון שווערן גלאָז מיט פֿאַרשטאַרקן־דראָטן, האַלב באַדעקט געוואָרן פֿון אַ לאַפּע. דאָס קליינע גיבורל איז אַרויף אויפֿן דאַך. מיר ביידע, מיט איין מחשבֿה צווישן אונדז, אָן אַ וואָרט, און נאָך אַלץ אין די שלאָפֿזעק, האָבן זיך געקאַטשעט אַראָפּ פֿון די געלעגערס אויף דער פּאַדלאָגע, געקראָכן ווי שלייערלעך צו דער טיר, זי פֿאַרמאַכט צו האַלטן אַקעגן וואָס זאָל ניט קומען. מאַמע מיט בלײַב־אין־דער־היים זײַנען געשטאַנען עטלעכע יאַרדן ווײַט אַוועק אויף פֿאָרנט, אָנזעעוודיק דורך דעם קליינעם פֿענצטערל אין דער טיר. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער זײַט־וועג קיין דעם נאָענטסטן פֿיאָרד איז זיי אויך ניט געפֿעלן.

דאָס בערל האָט אַרומגעקראָכן איבער דער גאַנצער הײַזקע, און סוף־כּל־סוף איז ער אַראָפּ אויף פֿאָרנט, צוגעצויגן אַ נײַגעריקער צו אַן אייל־פֿאַס אָנגעפּילט מיט אָפּפֿאַל. ער האָט זיך אַ קרעל געטאָן אין אַ לאַפּע אויף אַן עק פֿון אַ שטיק בלעך און סקאַווטשעט, וואָס האָט געהאַט די מאַמע אַרויף אויף די הינטערשטע פֿיס, זוכן וואָס עס האָט געשאַט איר קינד. נאָר אַ קלוגע מאַמע קענט אירע קינדער, האָט זי נאָר געבורטשעט אַז דאָס בערל זאָל זיך בעסער אָפּהיטן, און סײַ־ווי־סײַ איז שוין צײַט אָפּצוגיין. מיר האָבן אויסגעאָטעמט דאָס ערשטע מאָל אין עטלעכע מינוטן און געקוקט בעת זיי גייען גרינג אַוועק, דאָס מאָל טײַך־אַראָפּ.

אַ בייזע שעה, פֿאַרשטייט זיך. פּונקט וווּהין מיר ווילן גיין, האָבן מיר גאָר ניט געוואָלט אָנטרעפֿן אויף זיי נאָך אַ מאָל. צוריק אויף דער ראַדיאָ, רעדן מיטן פּאַרק־פֿאַרוואַלטער, האָט ער מסכּים געווען, אַז "צוויי מאָל איז מזלדיק", וועט ער אונדז שיקן עמעצן, ער זאָל אונדז אַרויסבאַלייטן. מיר האָבן געדאַרפֿט אַ שיפֿל־פֿאָר פֿון דער קומעדיקער הײַזקע סײַ־ווי־סײַ, וועלן די אינויִטן[14] פֿונעם שיפֿל זיך טרעפֿן מיט אונדז אין אַ פּאָר טעג אַרום. וואָלט עס אונדז אַרן וואַרטן? וואָרן ערשט מוז ער האַנדלען ראַטעווען דרײַ יעגערס וואָס זײַנען שטעקן געבליבן אויף אַ קריִע ווען זייער שיפֿל איז אויס גאַזאָלין. איצט האָבן מיר זיך געפֿילט שולדיק וואָס מיר האָבן אים געשטערט, האָבן מיר אים פֿאַרזיכערט אַז בײַ אונדז איז גוט, מיר קענען וואַרטן, אַדרבא.

וואָס איז טאַקע געווען אמת. מיר האָבן געגעסן, געשפּילט אין קאָרטן, געגאַנגען פֿאָרשן אַרום דער הײַזקע, נערוועז און קיין מאָל ניט זייער ווײַט, און געוואָלט וויסן וואָס פֿאַר אַ מענטש וועט זײַן דער באַלייטער. : אַוודאי וועט ער קענען גיין צוואַנציק שעה אַ טאָג, איבער דער טונדרע פֿינף מײַל אַ שעה. מיר וועלן שטאַרבן אויסגעמאַטערטע, פּרוּוון מיט אים מיטצוהאַלטן.

נאָך אַ נאַכט מיט שלאָף און "איז דאָס געווען דו?" מיטאָגצײַט צומאָרגנס האָבן מיר זיך געוואַלגערט, גענודיעטע, ווען ס'האָט זיך געלאָזט הערן אַ גאָר מאָדנער קלאַנג, אַלץ הילכיקער. דער וויכּוח וועגן דעם באַלייטער האָט זיך געענדיקט ווען אַ גאָר צעשלאָגענע דרײַראָד־אַ.ט.וו.[15] האָט זיך געהעצקעט צו דער הײַזקע, דער פּאַסאַזשיר באַוואָפֿנט מיט אַ רעמינגטאָן 222[16], וואָס אפֿשר וואָלט געדרייט דעם בערל אַ ספּאָדיק. אַלאַן און דזשאַאָלי קינאַלוסי[17] האָבן איבערגענעכטיקט אין דער הײַזקע בײַם ים, ווו מיר גיין, זײַנען די בערן געקומען צו גאַסט בײַ זיי דאָרט. אַ שאָס דורכן ווענטילאַציע־לאָך האָט אַזוי געהילכט, ס'האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מורא אויף די בערן, זײַנען זיי אַנטלאָפֿן אינעם ים (אַ סבֿרא אַז זיי אַליין ווילן גיין אין אָט דער ריכטונג סײַ־ווי־סײַ), איז מער ניט וואָס צו שרעקן. פֿונדעסטוועגן זײַנען זיי געקומען, וועלן מיר אַלע אַרויסגיין צוזאַמען. דאָס אַלץ מיט אַ קליין שטיקל ענגליש און אַ סך פֿאָכען מיט די הענט. און עסן אָנבײַסן.

מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַ פֿאָרפּלאַן: זיי וועלן פֿאָרן פֿאָרויס אויפֿן "פּאָט־פּאָט", אַ האַלב מײַל, מער ווייניקער, זיך אָפּשטעלן געוויינטלעך אויף אַן אויפֿהייב, מיר זאָלן זיי נאָך קענען זען. מיר וועלן נאָכגיין צו פֿוס, כּסדרדיק נאָר ניט גיכער ווי געוויינטלעך (וויפֿל גיכער האָבן מיר געקענט גיין?), ביז מיר זיי דעריאָגן. זיי האָבן געוואַרט

---

[14] Inuits: דאָס פֿאָלק פֿון גרונלאַנד און דעם צפֿונדיקסטן טייל צפֿון־אַמעריקע. זייער לשון רופֿן זיי אינוקטיטוט (Inuktitut), אָדער גרינלאַנדיש.

[15] **A**ll **T**errain **V**ehicle: אַ קליין פֿורל וואָס קען פֿאָרן אומעטום, אָן פֿאָרוועגן.

[16] Remington 222, אַ קלײַנע ביקס, ניט וואָס מע ניצט מיט בערן.

[17] Allan and Jaolie Kinaloosie, יונגע ברידער פֿונעם שטעטל בראַוטאָן־אינדזל.

מיט געדולד. מיר האָבן באַשווינדלט נאָר איין מאָל, ווען מיר האָבן זיך געדאַרפֿט טאָפּטשען אַריבער איבער אַ טײַכל, טיף גענוג אַז מיר האָבן אָנגעהויבן פֿאַרבײַטן די שטיוול מיט גומעשיך. האָבן זיי זיך צעלאַכט, צוריקגעפֿאָרן בײַ אונדז, אַ פֿאָר געגעבן איבערן טײַכל איינעם נאָכן צווייטן.



פֿרעד (אויף אַ שטיין)     בעריש

איז, מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ געפּאַקטע נאָר אײַנגענעמע גלאַטיקע נאַכט אין דער לעצטער הײַזקע. אין דער פֿרי האָבן מיר געהאָלפֿן אָנלאָדן דאָס שיפֿל; מילא דאָס זאַלץ־וואַסער און זשאַווער, האָבן זיי גערוקט דעם אַ.ט.וו. פּונקט אין וואַסער אַרײַן לעבן דעם שיפֿל און אים באַהויבן אַרויפֿשלעפּן אויפֿן באָרט. מיר האָבן זיך אָנגעטאָן מיט יעדן שטיק קליידער וואָס מיר האָבן געבראַכט – עס וועט געדויערן אַ פֿיר שעה ביזן שטעטל אויף בראַוטאָן־אינדזל, וועט זײַן אַ קרירה, זיצן שטיל אינעם שיפֿל (ס'איז געווען אַ קליין קאַיוטל[18] אויף פֿאָרנט, אָבער אַ פּיצינקס, כמעט אין גאַנצן אָנגעשטאָפּט מיט געצײַג, האָבן מיר דערצו געוואָלט זען אַלצדינג אויפֿן וועג, און ניט געוואָלט אויסזען ווי ווייכע).



אַלאַן און דזשאַאָלי קינאַלוסי (דער וועטער איז אַנדערש געווען)

פֿיר שעה אויב מע פֿאָרט גלײַך אַהין. קודם־כל פֿאָרן מיר גראָד פֿיאָרד־אַראָפּ, מיט צעשפּאָלטענע שוואַרצע סקאַלעס, שטאָציקע, נאָענט אויף ביידע זײַטן מיט אַ צעבראָכענעם שיכט נעפּל הענגען אַ פּאָר הונדערט פֿיס אויבן, עפּעס ווי פֿון מאָרדאָר[19] אַליין. באַלד ווי מיר זײַנען אַרויס אינעם אָפֿענעם ים אויף דער מערבֿדיקער זײַט

[18] cuddy cabin: אַ קליינע קאַבינע געוויינטלעך אויף פֿאָרנט אין אַ שיפֿל. קורץ אין דער הייך, מע קען זיך געוויינטלעך ניט אויפֿשטעלן גלײַך.

[19] Mordor: דאָס בייזע מלכות אינעם "*האַר פֿון די פֿינגערלעך*" פֿון דזש. ר. ר. טאָלקין (*Lord of the Rings*, J.R.R. Tolkien)

דאַוויס־דורכגאָס[20], איז גיך געוואָרן ווינטיקער און קעלטער, איז די נסיעה געוואָרן אַ געיעג נאָך ים־הינט. אַן אומזיסטע זאַך האָט דאָס זיך אונדז געדאַכט, שטאָט־לײַט וואָס מיר זײַנען, נאָר זיי האָבן נאָך דער ריי געשאָסן דעם ביקס אויף די קעפּ פֿון ים־הינט, ניט גרעסער ווי אַ העלפֿט פֿון אַ פֿוסבאָל אינעם וואַסער, ביז אַ הונדערט יאַרדן פֿונעם וויגנדיקן שיפֿל. אָפֿט מאָל אַוודאי האָבן זיי זיך פֿאַרשאָסן. סוף־כל־סוף האָט איינער אַ שאָס געטאָן גלײַך איבערן פֿאָדערבאָרד, האָבן זיי געמיינט אַז ס'איז געטראָפֿן, נאָר ס'איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער ים־הונט. האָבן זיי געקוקט אויף די פֿינגער פֿאָרויס. פֿרעד און איך האָבן געמיינט אַז אונדזער אַרבעט איז פּשוט דאָרט צו זיצן, האָבן מיר ניט געהאַט די אויגן צו קענען דערזען אַ ים־הונטס קאָפּ צווישן די כוואַליעס, האָבן מיר אָבער אַ קוק געטאָן אויף לינקס און אָט איז ער, אָדער אַן ענלעכער. זאָלן מיר זיי אָנזאָגן, לכּבֿוד אַן אַליין־אויסקומעדיקער געיעג־קולטור (דערצו זאָלן מיר נאָך גיכער אַרויסקומען פֿון דער קעלט), אָדער ניט, אַ שלום אויף דער חיה? נו, גוט. איך האָב אַ ריר געטאָן דעם מענטש מיטן ביקס און געטײַטלט, האָט ער געקוקט, געשאָקלט דעם קאָפּ, און געשאָסן; אויס צער־בעלי־חיים. מיר זײַנען אַריבערגעפֿאָרן, צוגעבונדן דעם אַמאָליקן ים־הונט צום שיפֿקאַנט, נאָך אינעם וואַסער, דאָס שיפֿל זאָל ניט ווערן נאָך ברודיקער.

דערנאָך איז געקומען אַ קורצער זײַט־פֿאָר אויף איינער פֿון די וויספּעס, קוים אַרויס פֿונעם וואַסער, ווו מיר האָבן געמאַכט טיי בעת איינער פֿון זיי האָט געקײַלט דעם ים־הונט. אונדז איז געפֿעלן, וואָס זיי וועלן ניצן דעם גאַנצן ים־הונט, ווי אַ מאָל, נאָר נאָך אַ סך טירחה און אַ ביסל שמועס, האָבן זיי באַשלאָסן איבערצולאָזן די פּגירה, גענומען בלויז דעם פּעלץ[21]. מיר האָבן יאָ פֿאַרזוכט פֿונעם רויען ים־הונט־פֿלייש – ס'איז געווען זייער אייליק און זעטיק, גאָר ניט קיין טעם פֿון פֿיש, נאָר מיט אַ טעם אַ ביסל ווי אַ נוס.

מע האָט דערזען אַ מעווע וואָס שווימט לעבן ברעג וויספּע, אויס די גרויסע פֿעדערן[22], האָט ניט געקענט פֿליִען. זיי האָבן זי געפּאַקט און אַרײַנגעלייגט אין שיפֿל, צו ברענגען אַהיים אין שטעטל, איין גאָט ווייסט פֿאַר וואָס.

@@צוריק אינעם שיפֿל און מיט עטלעכע שעה שפּעטער זײַנען מיר אָנגעקומען בײַם קאַנט פֿון די אָפּגעבראָכענע קריִעס נאָענט צו דער פּלאַזשע אויף בראַוטאָן־אינדזל. זיי זײַנען געווען שטאַרק געוואָרנט מיטן שיפֿל, קיין מאָל קומען נאָענט אַפֿילו צום אײַז, גאָר אַן ערנסטער עסק[23]. צום סוף האָבן זיי געפֿונען אַ וועג דורכן אײַז, האָבן מיר געלאַנדט דאָס שיפֿל, געראַנגלט דעם אַ.ט.וו. אויף דער יבשה, אויסגעלאָדן אונדזערע פּעק און דעם ים־הונט־פּעלץ, און געקוקט אַז די איצט טירופֿדיקע מעווע האָט זיך געדראַפּעט איבער דער זײַט און אַוועקגערודערט גיך ווי דער טויט. שפּעטער זײַנען מיר געוויר געוואָרן, באַשטעטיקט דורך אַלטע משלים דאָ און דאָרט אויף דער פּלאַזשע, אַז די מעווע האָט מען געמיינט פֿאַר אַ מתּנה די קינדער – זיי בינדן מיט אַ שנירל דער מעוועס פֿוס און לאָזן זי אַרומשווימען אָדער פֿליִען, אָדער דרייען זיי זי אַרום די קעפּ, אויב זי קען ניט פֿליִען, עפּעס אַ לעבעדיקע פֿלישלאַנג.

מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין שטעטל, ביז דער נאָענסטער אַעראָפּלאַן דרום צו. מיר זײַנען אײַנגעשטאַנען אינעם דורכפֿאָרערס אינטערנאַט. מע האָט אונדז אומעטום גערופֿן "יענע יאַטן מיט די בערן". – ס'איז טאַקע אַ קליין שטעטל. וואָראָנעס זיצן אויף די עלעקטריע־סלופּעס, האָבן אין דער לינקער פּיאַטע וואָס די קינדער שיסן אויף זיי מיט די קליינע פֿײַל־און־בויגנס.

אַבי ווו מיר גייען, איז אונדז נאָכגעגאַנגען אַ קליין רעדל היגע קינדער. אין דער איינציקער קאַפֿע, האָבן זיי געשפּילט אין "גלאָצן די קאַבלונאַס[24]" בעת מיר עסן. מיר וואָלטן זיך געפֿילט אומעטיק, אָבער זיי זײַנען אַלע געווען גאָר פֿריילעך און אויסגעפּאַשעט.

---

[20] Davis Strait, וואָס צעשיידט קאַנאַדע פֿון גרינלאַנד.

[21] אין קאַנאַדע, ווייניקסטענס. ווען איך האָב די מעשׂה דערציילט צו אַ פּאָר גרינלאַנדער, האָבן זיי געזאָגט אַז זיי וואָלטן קיין מאָל ניט איבערגעלאָזט דאָס פֿלייש, פֿאַר די הינט און פֿאַר זיך. די האָדסאָנס־בוכטע־קאָמפּאַניע (Hudson’s Bay Company) באַצאָלט אַ פּאָר דאָלאַר צו אַ פּעלץ.

[22] molted: פֿייגל פֿאַרבײַטן די פֿעדערן אַלע יאָר, און מיט געוויסע ווילדע פֿייגל, קענען זיי ניט פֿליִען בשעת־מעשׂה.

[23] ניט ווי די גרינלאַנדער, אין די צוואַנטיקער, וואָס איך האָב מיט זיי מיטגעפֿאָרן אין אַזאַ אײַז אין זייער קאַבינע־קרייסער. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אינעם אײַז, געשטופּט, געפּרוווט זיך דורכשלאָגן, כאָטש גאָר פּאַמעלעך, און ניט מיטן עלטערן (דיקערן) אײַז.

[24] (kabluna) ווי מע רופֿט אייראָפּייער אָן אויף אינוקטיטוט (די שפּראַך פֿון די אינויִטן), ד"ה, גויים. אות־באות "די מיט בערד". ווי "גויים", קען דאָס וואָרט זײַן אַ ביסל אַ פּייאָראַטיוס, ווי געוויינטלעך מיט אַזלעכע טערמינען פֿאַר "די אַנדערע".

====================
דרוקרעכט © 2009-2019 בעריש גאָלדשטיין
Copyright © 2009-2019 Barry Goldstein
17 August 2024
================